UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

Title
Reyd Fun Talmidey Khakhomim / Words of Learned Men

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/8tn4s94p

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 91(1)

Author
Judah Wolfsman, Yehude Volfsman /

Publication Date
1978

Copyright Information
Copyright 1978 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

**יהודה וואָלפסאָן**

# רייד פון תלמידי חכמים

ס'איז געווען אַן אנגענומער צופאַל פאַר מיר זיך צו באַקענען מיט די גאָלאָמבס באַלד נאָך מיין אָנקומען קיין לאָס אַנדזשעלעס. איך האָב דאַן שנעל אויסגעפונען דעם אמת פון דעם באַקאַנטן כלל, אַז פון די טאָג־טעגלעכע רייד פון אַ תלמיד חכם קען מען פיל לערנען. האָב איך טאַקע געלערנט און הנאה געהאַט פון די געשפּרעכן מיט די גאָלאָמבס, רבקה און אברהם, איבער פיל פראַגן און פּראָבלעמען וואָס זיינען נוגע דאָס פאָלק ישראל און די מענטשהייט בכלל.

פריינד גאָלאָמב האָט איינגעזאַפּט אין זיך אַלע עטישע שיינקייטן און נואַנסן פונעם שטעטלשן לעבן: די האָפענונג, דאָס לעכצן נאָך פרייהייט און די אמונה אין דער צוקונפט. אָט די אַלע אייגנשאַפטן האָט ער פאַרזיגלט אין זיין האַרץ און מוח און איז מיט דעם אַרויס אין דער גרויסער וועלט, ווו ער טראָגט אויף זיך ביז היינט די זאָרג און דעם עול פאַר די אוצרות האומה, פאַרן קיום פון פאָלק און פאַר אַלע ווערטן וואָס דאָס פאָלק האָט אָנגעזאַמלט אויף זיין לאַנגן גלות־וועג. אהבת ישראל איז געבליבן ביי אים דער ערשטער געבאָט.

אין זיינע ווערק באַהאַנדלט ער פראַגן וואָס זיינען נוגע אונדזער פאָלקס־לעבן און קולטור טעטיקייטן. אין זיין שרייבן פאַרנעמט די אייגנאַרטיקייט פון שטעטלשן לעבן דעם אויבנאָן. זיינע פילצאָליקע ביכער באַצירן די ביכער־שראַנקן און פאָליצעס פון אַ סך יידישע היימען, וואָס אינטערעסירן זיך מיט יידיש און יידישע קולטור. איך ווייס ניט ווי גרויס עס איז די צאָל ביכער זיינע, וואָס זיינען פאַרשפּרייט, וויפל לייענער זיי האָבן דערגרייכט — איינס איז מיר קלאָר, אַז די וועלכע האָבן אין זיינע ביכער אַריינגעקוקט, האָבן זיך געמוזט פאַרטראַכטן, ווייל נייע האָריזאָנטן האָבן זיך פאַר זיי געעפנט. זיי האָבן פרייער ניט באַגריפן, אַז עס זיינען פאַראַנען אַזוי פיל פּראָבלעמען און ניט פאַרענטפערטע פראַגן וואָס זוכן אַ לייזונג. אפילו יענע וואָס האָבן קיין מאָל ניט אַריינגעקוקט אין זיינע ספרים זיינען אומדירעקט באַאיינפלוסט געוואָרן מחמת געדאַנקען טראָגן זיך אין דער לופט, ווערן אויפגעכאַפּט פון די לופט־כוואַליעס און דרינגען אַריין אין הערצער און מוחות.

ווען דער גרויסער מאַרטירער־תנא איז געלעגן איינגעהילט אין דעם תורה־פאַרמעט, אינעם פייער, און ווען זיינע תלמידים האָבן אים געפרעגט וואָס ער זעט, האָט ער געענטפערט: „דער פאַרמעט ברענט און די אותיות פליען אַוועק.“ אותיות און אידעען טראָגן זיך אין דער לופט, און מענטשן כאַפּן זיי אויף. איין מענטש הערט פון אַ צווייטן און דער חזרט עס איבער. און אַזוי ווערן געדאַנקען איבערגעגעבן פון מענטש צו מענטש און פון דור צו דור, און אַזוי ווערן מענטשן אינספּירירט צו טראַכטן און צו מעשים.

אַברהם גאָלאָמב, דאַכט זיך מיר, בענקט נאָך די נאָבעלע תושבים פונעם שטעטל, נאָך זייער ערלעכקייט און צניעות. ער וואָלט עס וועלן איבערפלאַנצן אויפן אַמעריקאַנעם באָדן, פאַרזעצן דעם קיום וואָס האָט זיך געצויגן יאָר־הונדערטער. ער חלומט נאָך און לעבט מיט יענער קולטור. נאָך יונגערהייט האָט ער זיך געלערנט שווימען אינעם ים התלמוד און האָט אויך געלערנט די קונסט פון טויכן. האָט ער זיך אַרונטערגעלאָזט אויפן באָדן פון יענעם ים און האָט אַרויפגעבראַכט אוצרות פּערל צו צעטיילן מיט אַ ברייטער האַנט. עס איז גענוג צו לייענען זיין ספר „צו די הויכן פון יידישן גייסט“ בכדי צו באַגרייפן זיין ערודיציע, און וועל כולם — זיין בייטראָג צום יידישן געדאַנק. ער איז אַ גרויסער מתמיד און איז כמעין המתגבר, ווי אַ קוואַל וואָס ווערט שטאַרקער און שטאַרקער און שטראָמט אָן אויפהער.

פריינד גאָלאָמב איז באַוווסט ווי אַ מחנך, אַ לערער, און איינער פון די בעסטע. ער האָט אויפגעשטעלט לערן־אינסטיטוציעס אין עטלעכע לענדער. פון אָט די אינסטיטוציעס זיינען אַרויסגעוואַקסן

גאַר אַ סך באַגאַבטע תלמידים. ער האָט אויך אַרויסגעגעבן פיל לערן־ביכער אי־בער פסיכאָלאָגיע, באָטאַניק, און איבערן לימוד פון ליטעראַטור. און ווי אַ לערער לערנט ער און שרייבט פאַר גרויס און קליין.

פון דעסטוועגן, ניט מיט אַלע פון זיינע באַגרינדונגען בין איך מסכים. איך קען ניט מסכים זיין מיט זיין שיטה וואָס ער בויט אויף די חז״ל און הלכה. ער רעדט וועגן אַ רעוואָלט פון חז״ל קעגן דעם תנ״ך. אויב מען נעמט אָט דעם געדאַנק ווער־טערלעך, האָט אַזאַ רעוואָלט קיין מאָל ניט פאַסירט. ס'איז אַ שיינער געדאַנק. איך מיין אָבער אַז דער געדאַנק איז צו פאַנטאַסטיש. איך דערמאָן דאָס בלויז דרך אגב, ווייל עס שטעלט מיט זיך פאַר אַ וויכטיקן טייל פון זיין שאַפן.

אברהם גאָלאָמב האָט געהאַט אַ גרויסע באַקאַנטשאַפט צווישן דער רוסישער אינ־טעליגענץ. ער האָט זיך באַגעגנט מיט אַ סך באַוווסטע פערזענלעכקייטן, רוסישע ווי יידישע. אין אונדזערע פריוואַטע גע־שפּרעכן שווימען אויף געמען וואָס זיינען אונדז גוט באַקאַנט און גאָלאָמב ציט פון זיין זכרון פאַקטן און שטריכן פון זייער לעבן און שאַפן, וואָס זיינען זייער אינ־טערעסאַנט. אין די קנייטשן פון זיין שטערן ליגן באַהאַלטן אוצרות פון פּאַסירונגען וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין משך פון יאָרן. עס וואָלט געווען אַ גרויסער ביי־טראַג צו אונדזער ליטעראַטור ווען גאָלאָמב וואָלט אָנגעשריבן זיינע זכרונות.

און אַחרון, אַחרון, גאַר אַ וויכטיקע פּערזאָן אָן וועלכער פריינד גאָלאָמבס אַלע טעטיקייטן וואָלטן אויסגעזען בלאַס, איז זיין לעבנס־באַגלייטערין, רבקה סאָוויטש גאָלאָמב. רבקה גאָלאָמב פאַרנעמט גאָר אַ וויכטיקן פּלאַץ אין זיינע חינוך אַרבעטן. זי איז אַליין אַ באַגאַבטע פּעדאַגאָגין בחסד עליון און האָט אַ שאַרף אויג פאַר קונסט און ליטעראַטור קריטיק. זי האָט אויך פיל געשריבן אין פאַרשיידענע זשורנאַלן ווי אויך אין „חשבון״.

איך ווינטש זיי ביידן געזונט, פריידּ און אריכת ימים.

---

ברכותינו שלוחות לידידנו המכובד, הסופר והמחנך הדגול

# אברהם גולומב

ליום הולדתו התשעים. שנינו באבות פ״ה: „בן תשעים לשוח״— אַל תקרי לשוח (שין ימנית) אלא לשוח (שין שמאלית), שנאמר: „כי עדותיך שיחה לי״ (תהלים קי״ט, צט).

אשריך, אברהם, שעמדה לך זכות אבות ונתקיים בך הכתוב (דברים ל״ג, כה): „וכימיך דבאך״ (עפ״י רש״י).

שלום וברכה גם לרבקה, אור שמשך בחייך המלאים תורה וחכמה.

מאת ידידיכם הנאמנים,

## זאב ורבקה סאליס

ל״א, תמוז, תשל״ח

---

## יוניווערסיטי אָוו דזשודאַיזם

לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע

טייערער פריינד אברהם גאָלאָמב:

צו אייער ניינציקסטן געבוירן־טאָג ווילן מיר צוזאַמען מיט אייערע פריינד און פאַר־ערער אייך ווינטשן כל טוב.

אייער בייטראַג צו אונדזער היינטיקער יידישער קולטור איז פון גרויס באַדייטונג און מיר באַוווּנדערן אייער כסדרדיקן ביי־טראַג פון נייע און פּרוכטיקע געדאַנקען און אידעען.

מיר בעטן גאָט אייך צו באַוויליקן גע־זונט און כוחות ממשיך צו זיין אייער לעבנס־אַרבעט פאַר נאָך פיל יאָר.

מיט פריינדשאַפט,

ד״ר דוד ליבער, פּרעזידענט